בסייעתא דשמיא

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת חיי שרה, כ"ד חשון תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון ט'

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות........................4:15
מוצאי שבת קודש........................5:44

## א מעשה פון תפלה

### שלמה יאקאבאוויטש

איך האב געהאט אפאר גרויסע הוצאות וואס האט זיך צאמגענומען צו א סכום פון אפאר טויזענט דאלער, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן די געלט דאס צו באצאלן, מוצאי שבת נעם איך ארויס די פאסט און איך טרעף דארט א טשעק פון די באנק וואס איך האב בכלל נישט גערעכנט אויף דעם וואס דאס איז געווען כמעט דעי סכום וואס איך האב געדארפט האבן. שכח אייבערשטער!

### יעקב יאקאבאוויטש

מיין אויל פון די הויז האט זיך אויסגעניצט און עס נעמט געווענליך א לאנגע צייט ווילאנג זיי קומען אן צו ברענגן נייע, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן קומען שנעל ווייל איך דארף האבן הייצונג און הייס וואסער אין מיין הויז, און די אייבערשטער האט געהאלפן אז זיי זענען אנגעקומען גלייך נאכדעם וואס איך האב זיי גערופן.

### יעקב יאקאבאוויטש

איך בעט דעם אייבערשטן כסדר אז איך וויל העלפן דעם הייליג'ן רבינ'ס מוסד, און די אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז איך האב באקומען די זכיה צו קענען אויפפיקן די קינדער יעדן טאג און זיי טראגן און ברענגן צו חדר.

## נייעס אין שטעטל

**בליץ באזוך פון דעם ראש ישיבה שליט"א**

פארגאנגענע מיטוואך נאכט האט מען געהאט די זכיה אז די ראש ישיבה שליט"א איז געקומען פאר א קורצע באזוך, ער איז אנגעקומען אינמיטן דעם געשמאקן שיעור פון דעם מגיד שיעור הר"ר יוסף שניטצלער שליט"א, פון וואס ער האט זייער הנאה געהאט צו זעהן ווי די אינגעלייט רייסן זיך אוועק פון זייער צייט און זיצן ביים שיעור און לערנען דעם דף גמרא, דערנאך האט מען געהאט די זכיה צו הערן א שיינע שמועס פון וואס מען האט ארום גערעדט פון גאר וויכטיגע יסודות וואס איז נוגע פאר יעדן. ווי למשל **א)** יעדער אינגערמאן זאל זעהן צו קומען אינדערפרי לערנען אביסל אפילו ער איז נישט פון די כולל אינגעלייט, נעם זיך א מקום קבוע אין בית המדרש ווי דארט לערנסטו יעדן אינדערפרי דיינע שיעורים קבועים. **ב)** ווען עס קומט צו קויפן א דירה דארף מען זעהן מען זאל עס קענען דעקן, און נישט מען זאל דארפן ארום גיין אן א קאפ וויאזוי צו דעקן די הוצאות, ענדערש קליין אבער מיין ווי איידער גרעסער אבער מען קען עס נישט דעקן. קינדער זענען בכלל נישט מער צופרידן ווען זיי האבן יעדער פאר זיך אן עקסטערע צימער אבער די טאטע פון די אנדערע זייט גייט ארום אן א קאפ, זיי קענען באשטיין צו שלאפן צוויי צוזאמען אין איין בעט אבער האבן א רואיגע טאטע. **ג)** זעהן נישט זיך אויפצוהאלטן אין שול ביינאכט נאכ'ן דאווענען און לערנען נאר גלייך אהיים גיין צו די ווייב און קינדער וואס ווארטן שוין אויף דיר א גאנצן טאג. **ד)** איך געב ענק א ברכה אז ענק זאלן זיין עשירים אבער די קאפ זאל נישט ליגן אין געלט. **ה)** עס איז געווען א ליבאוויטשער חסיד אין סאמארקאנד וואס מען האט אים געבעטן ער זאל נישט גיין אין מקוה ווייל עס איז שמוציג און קאלט, האט ער זיך אנגערופן אז די "**מקוה איז נישט שמוציג די מקוה איז נישט קאלט נאר אונז זענען שמוציג אונז זענען קאלט**".

**מודעה**

מיט גרויס פרייד ווילן מיר מעלדן אז די
ראש ישיבה שליט"א
וועט זיך אויפהאלטן אויף דעם
שבת קודש פרשת חיי שרה הבעל"ט
דאהי אין שטעטל

# בריוו פון דעם
# ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת וירא, י"ז חשון, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.

עס איז מיר געווען א נחת צו זען ווי דו לערנסט פאר דעם דף גמרא ביינאכט אין שטעטל.

געב איבער פאר די אינגעלייט זיי זאלן נישט זיין ברוגז אויף מיר אז איך זאג נישט פאראויס ווען איך קום צו אייך אין שטעטל, איך קום אן פלוצלינג; איך טו דאס ווייל איך וועל זען ווי אזוי עס זעט אויס דער בית המדרש אן מיר, ווער עס קומט לערנען, ווער עס האלט מיט דעם שיעור; איך וויל זען דאס נאטורליכקייט ביי אייך אין שטעטל.

וואס איך האב געוואלט זען - דאס האב איך טאקע געזען, איך בין אריינגעקומען פלוצלינג אינמיטן דיין שיעור און געזען ווי שיין דו לערנסט פאר און ווי אלע האלטן מיט דעם שיעור; דאס האט מיר געגעבן פרישע כחות.

די בחורים פרעגן מיר צי איך האב כח צו פארן צוויי שעה אהין און צוויי שעה צוריק וכו', איך זאג זיי אז דאס געבט מיר כח; ווען איך זע ווי אזוי איר פירט זיך אויף אזוי שיין, אזוי באחדות'דיג - דאס געבט מיר פרישע כחות אנצוגיין מיט מיין ארבעט.

א טאג וואס עס איז נישט אזוי קאלט זאלסטו נעמען די קינדער אין וואלד און דארט שרייען צום אייבערשטן מיט זיי פאר אפאר מינוט; טו עס מיט שכל וכו'.

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת וירא, י"ז חשון, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ליבער תלמיד ... נרו יאיר.

איך בין געווען די וואך אין שטעטל, איך האב אזוי הנאה צו זיין דארט, מען שפירט דארט אזא גוטע טעם; זעענדיג ווי מען לעבט צוזאמען, מען העלפט זיך איינער דעם צווייטן - ממש ווי איין גרויסע משפחה.

איך בין אזוי פריילך אז עס איז א מקום תורה; עס איז דא שיעורי תורה אינדערפרי און ביינאכט. איך וויל און איך בעט אלע אינגעלייט וואס ארבעטן דארט און דאווענען דארט שחרית - זיי זאלן קומען פאר'ן דאווענען זיך קובע זיין שיעורי תורה. אפילו די וואס האלטן נישט מיט דעם לימוד וואס די כולל אינגעלייט לערנען זאלן זיך קובע זיין אין בית המדרש צו לערנען זייערע שיעורים.

עס איז גאר אנדערש דער גאנצער טאג ווען מען הייבט אן דעם טאג מיט מקוה, לערנען און דאווענען.

איך וועל אם ירצה ה' זיין יעדע וואך אין שטעטל איינמאל אדער מער, אינדערפרי אדער ביינאכט; איך וויל מחזק זיין מען זאל לערנען תורה ווייל נאר אזוי האט מען הצלחה.

יישר כח פאר אלעס, א פריילעכן שבת.

Abraham Weberman
Loan officer – NMLS # 1695646
Email- Aweberman@oep.mortgage
Cell. 347.932.4432
86 Route 59 Suite 202C
Spring Valley NY, 10977

ONYX
Equity Partners

Onyx Equity Partners Corp. NMLS# 1371935
Registered Mortgage Broker - NYS Department of Financial Services
Broker arranges mortgage loans with third-party providers.

HURLEYVILLE
LEASING
AUTO SALES & LEASING
845.720.0041
SALES@HURLEYVILLELEASING.COM